# פרשת בראשית

**בס"ד. שיחת יום ד', כ"ף טבת ה'תשמ"ט**

**הנחה פרטית בלתי מוגה**

## ה"משנה תורה"

דער רמב"ם שרייבט דאך אין דער הקדמה לספרו - וואס היינט איז דאך זיין יום הילולא פון דעם רמב"ם - אז דאס איז בדוגמא אז בשעת מ'לערנט חמשה חומשי תורה און דערנאך גייט מען אריבער און מ'לערנט דעם ספר הרמב"ם - איז דאס א "משנה תורה" וואס דאס איז כולל אין זיך כל התורה כולה, אלע הלכות וואס אין גאנץ תורה - סיי תושב"כ, און סיי תושבע"פ, וואס דארטן שטייען זיי בגלוי.

וואס דאס איז דאך א נפלא'דיקע זאך, וואס דאס קומט עפ"ז אויס, אז אין "משנה תורה" פון דעם רמב"ם איז שלא-בערך מערער,

ע"ד ווי דאס וואס מ'האט בגלוי אין תושבע"פ איז דאס שלא בערך מערער "עלמות אין מספר", שלא-בערך לגבי די הלכות און ענינים ווי זיי שטייען אין תושב"כ,

עד"ז אויך אין תושבע"פ עצמה איז דאך אויך דא שלבים שלבים: ווי תושבע"פ האט זיך געענדיקט בזמן המשנה, און דערנאך ווי ס'איז געווען דער סיום פון תושבע"פ אין זמן הגמרא פון רבא מיט רבינא, און דערנאך אויך ווי ס'איז געווען בזמן הגאונים, וואס ס'איז אויך געווען דערנאך דער סיום,

ועד"ז זעט מען אויך אין רמב"ם, אז לגבי די גאונים, וואס אע"פ וואס דעמולט האט זיך שוין געענדיקט, און דערנאך איז געווארן ווייטער חלוקות,

ווי דער רמב"ם אליין שרייבט אין דער הקדמה, אז נאך דערויף ווי ס'איז געווען דער סיום הש"ס איז געווען וואס אידן זיינען נתפזר געווארן בכמה ארצות, במילא איז געווארן שווערקייטן אויף ארויסבאקומען א הלכה פסוקה מצד די פלוגתות און חילוקי מנהגים וכיו"ב, און ער האט דאס אויסגעגליכן בימיו.

*

## ההלכה האחרונה

ויהי רצון אז פון די אלע ענינים פון סיומים זאל שוין בפשטות ווערן דער "סיום" פון גלות, צוזאמען דערמיט אויך דער סיום פון העלמות והסתרים אין ענינים פון הבנה והשגה בתורה, ווארום "לית תמן לא רמינהו ולא מחלוקת וכו'", ווי דער אלטער רבי ברענגט אראפ אין אגרת הקודש פון רעיא מהימנא בנוגע צו תורה בכלל, און דארטן גופא - בנוגע צו פנימיות התורה,

במילא איז דאך פארשטאנדיק, אז ס'וועט זיין אויך, דער לשון ווי ער זאגט אין רמב"ם, "**ובאותו הזמן**" - וועט דאס ווערן אט דער זמן ממש, וואס "אותו" איז דאך אויך באווייזט אז "מראה באצבעו ואומר הן",

און מ'זאגט "באותו הזמן" באווייזט יעדערער באצבעו אז דאס איז דער זמן,

"**לא יהי' שם לא רעב ולא מלחמה**" בפשטות; ס'וועט אבער זיין דער "רעב" לדבר הוי' און דער "צמא" לדבר הוי', און "מלחמה" אין "מלחמתה של תורה", וואס דאס וועט דאך זיין אויך לע"ל אויך,



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת בראשית

עד"ז אויך "**ולא קנאה ותחרות**" - עס וועט אבער זיין מערניט ווי "קנאה ותחרות" אין תורה,

במילא וועט אויך זיין אז "**טובה תהי' מושפעת הרבה, וכל המעדנים מצויין כעפר, ולא יהי' עסק <u>כל</u> העולם אלא לדעת את הוי' בלבד**", וואס דאס מיינט ער דאך "כל העולם" - די גאנצע וועלט,

"**ולפיכך**" איז אויך פארשטאנדיק, אז וויבאלד אז אידן זיינען דאך "אתה בחרתנו" בכלל, ובפרט נאך לע"ל שטייט דאך דאס בגלוי - זאגט מען אז "לפיכך" מוז זיין בא אידן ביתר שאת וביתר עוז;

וויבאלד אז כל העולם האט מערניט ווי "לדעת את ה' בלבד" מיט אלע פרטי הלשונות - "לפיכך" איז פארשטאנדיק אז "**יהיו ישראל חכמים גדולים ויודעים דברים הסתומים ויבינו דעת בוראם כפי כח האדם, שנאמר ומלאה הארץ דעה את הוי' כמים לים מכסים**", מיט אלע פירושים בדבר,

און דער עיקר אז "כמים לים מכסים", אז ס'ווערט דער ביטול אין די מים, "מי הדעת הטהור", אין תורה,

און דורך דערויף ווערט אינגאנצן איין זאך ישראל דורך אורייתא - איין זאך מיט קוב"ה, און ס'ווערט אין אן אופן פון "מכסים", אז זעען זעט מען מערניט ווי עצמות ומהות, מ'ווייס אבער אז דארט איז דא, און ס'איז אויפגעטאן-געווארן ע"י מעשינו ועבודתינו.

און בפרט נאך אויך ווי געזאגט אז ס'איז דאך דא א שקו"ט צי די ווערטער לאחרי זה קומען אויך פון רמב"ם, אבער בכל אופן איז דאך דאס ווערטער הראויים למקום זה ולספר זה, ווארום זיי זיינען דאך אפגעדרוקט געווארן דורך גדולי ישראל, עאכו"כ אז ס'קען גאר זיין אז דאס איז דער לשון הרמב"ם עצמו -

זאל זיין דער ענין בפשטות, אז "**נשלמו הלכות מלכים והחיבור כולו, ברוך שאמר והי' העולם בפרטו ובכללו**",

און אויך ס'איז דאך אויך א שאלה צי דאס איז דעם רמב"ם'ס לשון, ובכל אופן איז דאך דאס א לשון פארבונדן מיט מנהג ישראל בכל מקום, און א לשון וואס איז כולל אין זיך הכל -

ווערט דער "**תם ונשלם שבח לא-ל בורא עולם**".



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.